ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



## ד' שבט תשס"ה

## פרשת בא

טייערע קינדער שלוחים,

דעם קומענדיקע דאנערשטאג איז דעם הייליקן טאג פון י' שבט. ווי איר ווייסט לייענען איז י' שבט דעם יארצייט פון רביצין רבקה. י' שבט איז אויך דעם יארצייט פון דער פריערדיקן רבי, אבער בעיקר פאר אונז חסידים פון דור השביעי איז י"א שבט דעם טאג ווען אונזער רבי האט מקבל געווען אפיציעל די נשיאות. פון דעם הייליקן טאג האט אנגעהויבן די עבודה פון ענדיקן אראפברענגען דעם גאולה בפועל ממש.

איר, די טייערע שלוחים פון דער רבי, האט דעם גרויסן זכות צו זיין זיינע אמת'ע סאלדאטן אין דעם ארמיי צו ברענגען גאולה.

לאמיר בעטן אז מיר זאלן שוין דעם י' שבט פארן גלייך צוזאמען מיט אלע בתי חב"ד אין ירושלים!!

איידלה וועכטער

# דעם חסידיש'ן לוח

## ט' שבט תש"ל



*געענדיקט דעם ספר תורה לקבלת פני משיח*

ב' אייר, תש"ב האט דער פריערדיקן רבי געהייסן צו שרייבן א ספר תורה לקבלת פני משיח. צוליב געוויסע סיבות, האט עס גענומען כמעט 28 יאר ביז מען האט געענדיקט דעם ספר תורה. ג' שבט תש"ל האט דער רבי געלאזט וויסן אז מען וועט ענדיקן דעם ספר תורה אין די קומענדיקע טעג.

ערב שבת ט' שבט נאך חצות האט מען געמאכט דעם סיום ספר תורה.

דער רבי האט געזאגט א קורצע שיחה אויף דעם פארבונד צווישן ערב שבת קדש און דעם פארענדיקן שרייבן דעם ספר תורה. דערנאך האט מען געזאגט קפיטל כ' אין תהלים, און געזונגען די אלע ניגונים פון די רביים. נאכדעם האט דער סופר - ר' שמרי' ספעקטאר אנגעהויבן שרייבן די לעצטע אותיות.

ווען ער האט געענדיקט, האט מען געזאגט די פסוקים "אתה הראת" און געברענגט די ספר תורה צום ארון קודש.

דער רבי האט דערנאך געבענטשט "שהחיינו" און געגעסן א נייע פרי.

דער רבי האט געענדיקט דעם פארברענגען מיט א מאמר און א שיחה.

דעם ספר תורה נוצט מען ביז היינט אין 770 מיט די גרויסע בקשה צום אויבערשטער אז מיר זאלן שוין מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש!

# לעבען מיט דער צייט

## פרשת בא

שה לבית אבות

די הויבט צוגרייטונג פון אידן צו יציאת מצרים איז געווען די מצוה פון **קרבן פסח**, וואס אידן האבן געגעסן די נאכט פון ט"ו ניסן, און דער קרבן פסח האט געבראכט דעם **"ופסחתי"** ("לשון דילוג וקפיצה") - אז דער אויבערשטער האט "איבערגעשפרונגען" די הייזער פון די אידן, און אויך "אריבערגעשפרונגען" אלע חשבונות וואס האבן נאר געקענט זיין און געבראכט גלייך די גאולה פון גלות מצרים.

מען געפינט ביים קרבן פסח א ספעציעלן אנזאג, אז עס דארף זיין **"שה לבית"**: בשעת דער פאטער באשטעלט דעם קרבן פסח, דארף ער אין דעם ארייננעמען יעדן פון זיינע קינדער - אויך די גאר קליינע - סיי די אינגעלעך און סיי די מיידעלעך. און אלע בני בית, אריינגערעכנט אויך די קינדער, דארפען עסן פון דעם קרבן פסח, און דעמאלט איז מען מקיים די מצוה פון קרבן פסח ווי עס דארף צו זיין.

מיט וואס איז די מצוה פון קרבן פסח אויסגעטיילט פון אלע מצוות אז דוקא ביי דער מצוה האבן אויך קליינע קינדער גענומען אייטנטייל אין דער מצוה?

איז די ערקלערונג אין דעם:

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערציילן אונז, אז ביי קריעת ים סוף איז **"הם הכירוהו תחילה"**: די קינדער וועלכע זיינען געבארן געווארן אין מצרים האבן דערקענט דעם אויבערשטער נאך פריער (און שטארקער) ווי עס האבן אים דערקענט די ערוואקסענע.

וויבאלד אז ביי קריעת ים סוף האבן די קינדער דערקענט דעם אויבערשטן פריער, איז פארשטאנדיק, אז נאך זייענדיק אין מצרים איז בא די קינדער געווען א מעלה אין דעם אויפנעמען דעם אויבערשטנ'ס מצוות לגבי ווי דאס איז געווען ביי די ערוואקסענע. און דאס איז די גרויסע מעלה פון אט די קינדער, אז כאטש זיי זיינען געבארן געווארן און זיך אויפגעהאדעוועט אין מצרים - האבן זיי אבער אויף זיך אנגענומען צו פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל דורך מקיים זיין זיינע מצוות און לערנען זיין תורה.

און דעריבער האט מען אויך אט די קינדער אריינגענומען אין די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים, דורך האבן אן אנטייל אין דער מצוה פון קרבן פסח.

דערפון האט מען אויך אן אפלערנונג פאר קינדער פון "צבאות השם":

--פונקט ווי אידישע קינדער האבן גענומען אייטנטייל אין די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים, און אין אן אופן פון "הם הכירוהו תחילה", איז פארשטאנדיק, אז אזוי איז אויך בנוגע די צוגרייטונגען צו דער גאולה פון דעם איצטיקן גלות, אז אידישע קינדער נעמען אין דעם א הויפט אייטנטייל.

דאס הייסט, אז דורך דעם וואס מען פירט זיך אויף ווי אידישע קינדער דארפן זיך פירן, קען מען ערווארטן די גאולה העתידה דורך משיח צדקנו און בקרוב ממש.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - ר"ח ניסן תש"מ)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

# דעם חסידיש'ן לוח

## י' שבט תש"י

*הסתלקות פון דעם פריערדיקן רבי'ן*

לכבוד דעם יארצייט פון זיין באבע רביצין רבקה, האט דער פריערדיקע רבי ארויסגעגעבן דעם מאמר "באתי לגני" צו לערנען. א פאר מענטשן האבן באמערקט אז אין דעם ווארט שליט"א וואס איז געשריבן געווארן לעבן דער פריערדיקע רבי'ס נאמען פעלט א יוד.....

עס איז געווען שבת אינדערפרי י' שבט. אלע חסידים זיינען געווען אויפן וועג צו 770 ווען מען האט אנגעהויבן הערן מאדנע שמועות. קען עס זיין??

מען האט ניט געגלויבט אז עס איז מעגליך אז דער פריערדיקע רבי איז אוועק. ביז מען איז אנגעקומען צו 770 און מען האט געזעהן אז עס איז כמעט ליידיג. אלע חסידים זיינען געגאנגען צום מקוה און געבליבן אין 770 וויינענדיג און האבן געזאגט תהילים.

אויף זונטאג איז געווען דעם גרויסן לוויי'. דעם שטופעניש איז געווען אויסנאם, ביז מען האט געברענגט דעם ארון אין קאר און מען האט געברענגט דער פריערדיקע רבי צום בית החיים אין קווינס. (דארטן וואו האט מען שפעטער געבויט פאר אים אן אהל.)

דער פריערדיקע רבי איז געבארן געווארן י"ב תמוז תר"מ אין שטאט ליובאוויטש צו דער רבי רש"ב און רביצין שטערנא שרה. ווען דער רבי רש"ב איז אוועק ב' ניסן תר"פ איז דער פריערדעקן רבי געווארן רבי.

דער פריערדיקע רבי האט געפירט די אידן פון תר"פ-תרפ"ח אין רוסלאנד, פון תרפ"ח-ת"ש אין ריגא, לטבי' און אין פוילן און דערנאך אין ת"ש אויפגעשטעלט אידישקייט דא אין אמעריקע.

מיר האבן אסאך ספרים פון דער פריערדיקע רבי. א טייל פון זיינע ספרים זיינען לקוטי דיבורים, ספר הזכרונות, ספר השיחות, און ספרי מאמרים.

ווען דער פריערדיקע רבי איז געקומען אין אמעריקא, האט ער געזאגט "אמעריקא איז ניט אנדערש" און מיט דעם אונז געלערנט אז וואו א איד איז, מוז ער דינען דעם אויבערשטן!

## י' שבט תשי"א

*קבלת הנשיאות פון אונזער רבי*

דורך די גאנצע יאר פון די אבילות נאך דעם פריערדיקן רבי האבן חסידים געבעטן דער רבי איבערצונעמען דער נשיאות. אבער דער רבי האט ניט געוואלט.

אויף דעם שבת פאר י' שבט האט מען געדאוונט אין שוהל און דער רבי האט געלייענט מפטיר, און דער רבי האט זייער שטארק געוויינט .

אויפן טאג פון י' שבט האט דער רבי אנגעטאן זיין זיידענע שבת'דיגע קליידער. הונדערטער מענטשן זיינען געקומען צום דאווענען אין דעם מנין פון דער רבי און דער רבי האט נאכאמאל שטארק געוויינט. יעדער איינער האט געגעבן א פדיון נפש צו דער רבי און אלע זיינען געפארן צום אהל פון פריערדיקן רבי. פאר מען איז געגאנגען האט מען געשריבן א פ"ן כללי וואס מען האט געליינט אין שוהל אז אלע חסידים בעטן פון דער פריערדיקן רבי אז דער רבי זאל אננעמען דעם נשיאות. דערנאך האט מען דאס איבערגעגעבן צו דער רבי. אין אנהויב האט דער רבי ניט געוואלט ליינען דעם פ"ן, אבער צום סוף האט דער רבי עס געליינט און האט שטארק געוויינט.

נאך מעריב האט מען אויסגערופען אז ביינאכט וועט זיין א פארברענגען.

ביים פארברייגען האט דער רבי אנגעהויבן מיט א שיחה ביז איינער האט אויסגערופען "די שיחות זיינען זייער גוט, אבער חסידים ווילן א מאמר!" ( דאס מיינט אז חסידים ווילן אז דער רבי זאל אננעמען דעם נשיאות, ווייל נאר א רבי איז מחדש מאמרים).

עס איז געווען שטיל אין שוהל און אלע האבן געקוקט אויפן רבי. 10:40 ביינאכט האט דער רבי אנגעהויבן זאגן דעם מאמר "באתי לגני" מיוסד אויף דעם פריערדיקן רבי'ס מאמר. אלע חסידים זיינען געווען אזוי צופרידן אז מיר האבן א רבי!!

דער רבי האט געזאגט אז מיר זיינען דור השביעי און אונזער דור האט א ספעציעלע עבודה צו ברענגען גאולה!!

דורך דער רבי'ס נשיאות זעהט מען ווי דער רבי ארבעט אויף צו ברענגען שוין משיח. אבער מיר דארפן וויסן וואס דער רבי זאגט, ניט נאר לאזן אלץ פאר דער רבי צו טאן, נאר מיר מוזן אויך אליין טאן אין דעם הייליקן ארבעט!

און מיר מוזן בעטן אין די לשון פון דער רבי "ונזכה זעהן זיך מיטן רבי'ן דא למטה אין א גוף ולמטה מעשרה טפחים והוא יגאלנו!!"

## "......וזרח השמש ובא השמש......"



# דערצייל מיר א מעשה

## רבצין רבקה

רביצין רבקה איז געבארן געווארן אין יאר תקצ"ג צו הרב החסיד ר' אהרן בן ר' משה אלכסנדרוב און רביצין חי' שרה די טאכטער פון דער מיטעלער רבי.

זי איז געבארן געווארן אין שטאט ליובאוויטש.

ווען זי איז געווען קליין, זיינען איר עלטערן אוועק, און זי איז אויפגעוואקסן אין שטוב פון איר באבע רביצין שיינא.

אין תר"ט האט זי חתונה געהאט מיט איר קוזינע דער רבי מהר"ש. רבצין רבקה איז באוואוסט געווארן פאר איר אויסערגעוויינליכער גוטסקייט. ווען די ישיבה תומכי תמימים האט זיך געעפנט, האט זי געזארגט אויף די עסן פון די תמימים. דער פריערדיקע רבי שרייבט אסאך וועגן איר גרויסקייט און דערציילט איבער אסאך פון די מעשה'ס וואס זי האט אים דערציילט.

דער פריערדיקע רבי האט געבעטן רופען אסאך סקולס אויף איר נאמען, "בית רבקה".

עס ווערט אסאך דערציילט וועגן דעם גרויסע כבוד וואס זי האט געהאט צו איר מאן דער רבי מהר"ש.

איינמאל איז זי ארויסגעגאנגען פון צימער פון דער רבי מהר"ש און די עק פון איר קלייד איז געכאפט געווארן אין טיר. פון איר גרויסע כבוד צו איר מאן האט זי ניט געוואלט שטערן אים דורך עפענען דעם טיר, און זי האט געווארט דארטן א פאר שעה!! ביז ער איז ארויסגעגאנגען און האט איר געזעהן!! דער רבי מהר"ש האט איר געזעהן און האט געפרעגט " דו שטייסט נאך דא?"

רביצין רבקה איז אוועק י' שבט תרע"ד, און איז באגראבן געווארן אין ליובאוויטש לעבן דעם אהל פון די צמח צדק און ר' מהרש.

לכבוד איר יארצייט האט דער פריערדיקע רבי ארויסגעגעבן דעם מאמר "באתי לגני" וואס מיר לערנען יעדער יאר אויף י' שבט.

## משיח נאו

בנוגע דעם ספר תורה לקבלת פני משיח צדקנו, שרייבט דער רבי (שיחת י' שבט תשי"א) אז דער פריערדיקע רבי האט געקענט אליין ענדיגן דעם ספר תורה, נאר ער האט געוואלט אז אנדערע זאלן אויך האבן דעם זכות צו נעמן אן אנטייל אין דעם. דאס זעלבע זאך איז מיט ברענגען משיח. דער רבי וויל דוקא אז מיר זאלן האבן דעם גרויסן זכות צו טאן אונזערע עבודה און נעמן אן אנטייל אין ברענגען גאולה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ט' שבט, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות אויף ט' & י' שבט



א. ווען האט מען אנגעהויבן דעם ספר תורה לקבלת פני משיח? ___________________

ב. ווען האט מען דאס געענדיקט? _________________

ג. וועלכע רביצין איז אוועק אויף י' שבט? _________________________________

ד. וועלכער רבי"ס רביצין איז זי געווען? __________________________________

ה. וואו איז זי באגראבן געווארן? ______________________________

ו. ווען איז דער פריערדיקע רבי נסתלק? ________________________

ז. וואס זיינען צוויי פון די ספרים פון דער פריערדיקע רבי? א. _____________________

ב. _____________________________

ח. וואס איז דער ערשטע מאמר וואס דער רבי האט געזאגט? _____________________

ט. וואס מיינט "כל השביעין חביבין"? ___________________________________________

י. וואס קענסטו טאן צו ברענגען די שכינה דא למטה? ____________________________

---

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת בא: מנחם מענדל צירקינד, 12**

**נאמען:** ______________________________ **ווי אלט:** _____

**אדרעס:** ___________________________________________

**אי-מייעל:** __________________________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org